כי תבא תשפ"ו
גליון 297

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## ביכורים תשפ"ו

טַייעֶרע קִינְדֶער אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה. הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען בִּכּוּרִים?!

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, נִישְׁט קַיין כֹּהֵן גָּדוֹל, נִישְׁט קַיין מִזְבֵּחַ וואוּ אַרָאפְּצוּלֵייגְן דִי קָארְבּ מִיט פְרִישֶׁע פְרוּכְט פוּן דִי שִׁבְעַת הַמִּינִים. נָא, וֵוייסְטוּ שׁוֹין אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה, זִיכֶער קֶען מֶען נִישְׁט!

אָבֶער נֵיין, עֶס אִיז גְרַאדֶע יָא דָא אַזַא בְּחִינָה פוּן בִּכּוּרִים אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן, חֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ"ו, אֲפִילוּ פַאר אַזַא אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גָארְטְן מִיט פְרוּכְט בֵּיימֶער אִין פָארְנְט פוּן זַיין דִירָה, עֶר וואוֹינְט גְרַאדֶע אוֹיפְן פִיפְטְן שְׁטָאק...

אָקֶעי, אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט... אִיךְ לֵייגְן שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע זַייטִיגֶע פְּלֶענֶער, מַיינֶע וִויכְטִיגֶע עִנְיָנִים, אוּן אִיךְ גְרָאד אוֹיס מַיין רוּקְן גְלַייךְ מִיט אָנְגֶעשְׁפִּיצְטֶע אוֹיעֶרְן גְרֵייט צוּ הֶערְן.

אָה, אַ הַאלְבֶּע תְּשׁוּבָה הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעזָאגְט, דִי בִּיסְט גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן דוּ בִּיסְט דָא, דָאס אִיז פוּן דַיין זַייט אַ הִתְחַדְּשׁוּת, בִּיסְט גְרֵייט צוּ הֶערְן עֶפֶּעס נֵיי, וַוייל דֶער עִיקָר חִיּוּב פוּן בִּכּוּרִים וַוייזְט אוֹיף הִתְחַדְּשׁוּת, פְרִישְׁקֵייט!

אַ אִינְגֶל, אַ בָּחוּר, אַ טַאטֶע אָדֶער יֶעדֶער אִיד דַארְף וִויסְן אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט. דָאס מֵיינְט אֱמוּנָה! מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַ מַתָּנָה, "אֱמוּנָה", אַז קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אוּנְז נִישְׁט צֶעמִישְׁן, וַוייל מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס קוּמְט אוּן וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

כְּדֵי דָאס צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען פַארְלַאנְגְט זִיךְ הִתְחַדְּשׁוּת, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן. אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם לָבָן הָאֲרַמִּי הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעפָּאפְּט אוּן פַארְכַאפְּט אִין זַיין זַאק אוּן דִי שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַ פַארְלָאשֶׁענֶע לִיכְט, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זָאגְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים וִדּוּי בְּשַׁעתְ'ן בְּרֶענְגֶען דִי בִּכּוּרִים: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר פְרִיוַואט הָאסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מַיין בִּיטֶערְן גָלוּת, הָאסְטוּ מִיר מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִּיק, אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דוּ טוּסְט צוּ מִיר".

עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אַ פָּסוּק הַיינְטִיגֶע פַּרְשֶׁה, אַ בַּאקַאנְטֶע פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת" אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם", דִי אַלֶע פְּסוּקִים שְׁטֵייעֶן אַיין נֶעבְּן דִי פַּרְשֶׁה פוּן בִּכּוּרִים אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז אַ אִידִישׁ קִינְד קֶען זִיךְ יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה, יֶעדֶע רֶגַע זִיךְ בַּאנַייעֶן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי טִיף דֶער מֶענְטְשׁ אִיז לַיידֶער גֶעפַאלְן, "הַיּוֹם!!" הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן פְרִישׁ מִיט אַ בַּאנַייאוּנְג וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן פָּסוּק

פון דער תּוֹרָה, ׳בְּרֵאשִׁית׳ בִּשְׁבִיל בִּכּוּרִים שֶׁנִּקְרָא רֵאשִׁית, דער עִיקָר בַּאשַׁאפוּנְג פון דער גאַנְצֶער בְּרִיאָה איז גֶעוֶוען פאר די זאַך, ׳בִּכּוּרִים׳, בּאַניי זיך! אַ מֶענְטְשׁ זָאל און קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן די בְּרִיאָה ווי עֶס וָואלְט הַיינְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פון דָאסְנַיי, וָואס דָאס איז בֶּאֱמֶת אַזוֹי, די וֶועלְט איז נַיי, יָא! מיר זָאגְן דָאס יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען "וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂי בְּרֵאשִׁית," דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גוּטְסְקֵייט בַּאשַׁאפְט יֶעדְן טָאג די וֶועלְט אַזוֹי ווי בַּיים אָנְהֵייב בַּאשַׁאפוּנְג, אַיי די וֶועלְט קוּקְט אוֹיס אַזוֹי אַלְט, מִיט אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פון אַמָאלִיגֶע צָרוֹת, דָאס איז אַלֶעס בַּיי אוּנְז אִין מֹחַ. לָאמִיר אַוֶועקְוַוארְפְן

אוּנְזֶער נַארִישֶׁע שֵׂכֶל, און בְּרֶענְגֶען אַ פְרִישֶׁע בִּכּוּרִים און זיך פַארְגִינֶען צוּ זִינְגֶען אַ נִיגּוּן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט לוֹיב און דַאנְק אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב.

נָא, גֶעגַאנְגֶען אַ צְוֵויי מִינוּט הוֹדָאָה!!, דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיין שְׂפְּרַאךְ, מִיט דַיין קֶערְבֶּעלֶע פְּרוּבְט און נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וֶועט דִיר די וֶועלְט וֶוערְן מַמָּשׁ ווי נַיי.

(לוֹיט די וֶוערְטֶער פון לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בָּשָׂר וְחָלָב ד׳ אוֹת י״ג)

אַ גוּט שַׁבָּת, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה

# איין מעשה'לע



## העבר עיני מראות שוא

אוּנְזֶער חֵדֶר הָאט זיך גֶעגְרֵייט אַרוֹיסְצוּפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה, דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט אוּנְז פַאר דֶעם אָנְגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס וֶועט זַייט נִישְׁט פַּאסִיג פַאר אוּנְז, מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן דָארְט שְׁמִירַת עֵינַיִם, וֶועט מֶען זיך גְּלַייךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן און אַוֶועקְפָארְן, אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעצָאלְט דָאס גֶעלְט פון פָארְאוֹיס.

מִיר הָאבְּן צוּזַאמֶען מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען בַּיים קֶבֶר פון חוֹנִי הַמְּעַגֵּל אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען הִיטְן די אוֹיגְן און נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין אַיינְגֶעצָאלְט גֶעלְט, אָדֶער אַז

מֶען דַארְף פָּארְן אַזוֹיפִיל שָׁעָה׳ן און נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן דֶעם צִיל.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זיך דֶער בָּאס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען נִגּוּנִים וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם ווי, ׳הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא׳ און נָאךְ. מֶען הָאט קְלָאר גֶעקֶענְט אָנְזֶען אַז בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים לֶעבְּן אִין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט וֶועלְט, מֶען ווייל טַאקֶע זיך אוֹיסְטְשׁוּבֶען אָבֶּער אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט וֶועלְן מִיר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

ווי נָאר מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם דָאזִיגְן וַואסֶער, הָאט דֶער מַשְׁגִּיחַ גֶעזֶען אַז דָאס פְּלַאץ איז נִישְׁט גֶעאֵייגְנֶט, מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אַרַיינְצוּטַאנְצְן אִין וַואסֶער, אָבֶּער אַלֶע הָאבְּן זיך אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּרִיק אוֹיף די בָּאס, קֵיינֶער פון די קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין פִּיפְּס און נִישְׁט גֶעקְרִימְט מִיט די נָאז, נָאר גְּלַייךְ גֶעפָאלְגְט, זיך

גְרֵייטְנְדִיג צוּ פָארְן צוּם קוּמֶענְדִיגְן אָרְט.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער צְוָואנְצִיג מִינוּט וֶוען דֶער בַּעַל-הַבַּיִת פוּן דֶעם פְּלַאץ קְלִינְגְט אוּנְז פְרֶעגְן וואו מִיר זֶענֶען? דֶער מַשְׁגִּיחַ זָאגְט אִים: "מִיר זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, מִיר זֶענֶען מוֹחֵל דָאס גֶעלְט".
אָקֶעי, עֶר זָאגְט פָארְן מַשְׁגִּיחַ אַז דָאס פְּלַאץ פַארְמַאכְט זִיךְ פִיר אַזֵייגֶער, דְרַיי מִינוּט נָאךְ פִיר זָאלְן מִיר אַלֶע קוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ זַייטִיגְן טִיר וואו קֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט דָארְט, גֶעוֶוענְלִיךְ טָאר עֶר נִישְׁט אַרֵיינְלָאזְן קֵיינֶעם אַ מִינוּט נָאךְ פִיר, אָבֶּער פַאר אוּנְז וֶועט עֶר דָאס יָא טוּן.

דֶער מַשְׁגִּיחַ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוּן גֶעגַאנְגֶען פָארְאוֹיס זֶען צוּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע הָאבְּן שוֹין פַארְלָאזְט דָאס פְּלַאץ, ס'אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קֵיינֶער דָארְט, זֶענֶען מִיר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן זִיכֶער בְּרוּחָנִיּוּת.

תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַ לֶעבְּן מִיט אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין!

## עצה צו איינשלאפן זיס

אַ גוּטְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועריַקֵייט מִיטְן אוֹיפְשְׁטֵיין, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף דְרַיי אִיךְ זִיךְ אַרוּם אוֹיף אַלֶע זַייט פוּן דֶער בֶּעט, אָבֶּער אִיךְ זֶע זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס.
לְמַעֲשֶׂה הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאךְ בַּיים אַיינְשְׁלָאפְן, אַז אִיךְ קֶען בְּשׁוּם-אוֹפָן נִישְׁט פַארְמַאכְן מַיינֶע אוֹיגְן אַזוֹי שְׁנֶעל, דָאס פַארְשְׁלֶעפְּט מִיר אַז אִיךְ שְׁלָאף אַיין שְׁפֶּעט אוּן אִיךְ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַיין נַאכְט בֶּעפָאר מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט קוּמֶענְדִיגְן אִינְדֶערְפְרִי פָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה, פוּן גְרוֹיס אִיבֶּערְגֶעוּמֶענְקַייט טְרַאכְטְנְדִיג אַלֶעס סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת ווִיאַזוֹי דִי נְסִיעָה גֵייט זַיין אִיז מִיר גֶעוֶוען אוּמְמֶעגְלִיךְ אַיינְצוּדְרִימְלֶען, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, 'תְּפִלָּה' אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, אוּן דִי יְשׁוּעָה הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט, אִיךְ בִּין טִיף אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

אוֹיפְמָארְגְנְס וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, אִיךְ גְרֵייט זִיךְ צוּ בֶּעגְל-וַואסֶער נֶעבְּן בֶּעט אוּן אִיךְ לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע מִיט הַמַּפִּיל, אִיךְ לִיג אִין בֶּעט אָבֶּער דָאס מָאל הָאבּ אִיךְ שוֹין גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶע מִיטְל אִיךְ דַארְף נוּצְן צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נָאכְאַמָאל מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן... וואוּנְדֶערְבַּאר! זַייט דֶעמָאלְטְס שְׁלָאף אִיךְ שוֹין אַיין בַּאצַייטְנְס.

אֵין כֹּחֵינוּ אֶלָּא בְּפֶה! תְּפִלָּה אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶער גִּלְיוֹן עֶס אִיז מִיר גָאר מְחַזֵּק צוּ אַלֶעמָאל מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער.






*אין קורצן פון פריער:*

***רבי נתן מיט זיין חבר, רבי נפתלי קומען אפט צום רבי'ן קיין ברסלב. זיי האבן מער נישט קיין מניעות פון זייער משפחה, אבער אצינד איז זיי אונטערגעקומען א נייע מניעה: יעדע מאל זיי קומען צום רבי'ן, ווייזט דער רבי ארויס אומצופרידנקייט, אבער זיי זענען זיך מתגבר אויף די מניעה און זיי קומען ווייטער צום רבי'ן. רבי נתן טרעפט א תירוץ צו קומען צו בינדן דעם רבינ'ס ספר. יענע וואך האט דער רבי אסאך גערעדט צו רבי נתן.***

# די הייליגע חידושים

ווען עס איז ענדליך פארטיג געווארן דאס איינבינדן דעם ספר, האט רבי נתן דאס געברענגט פאר'ן רבי'ן. דער רבי האט ווייטער גערעדט דברי חיזוק. ער האט זיך אנגערופן צו רבי נתן: "דו ביסט נאכאלץ נישט פריילין?! עס וועט קומען א צייט וואס דו וועסט פארשטיין מיין גרויסקייט."

דער רבי האט דאן אנטפלעקט פאר ר' נתן צום ערשטן מאל אז ער האט אויך געשריבן אנדערע חידושים אויף פיל א העכערן דרגה וואס עס איז אוממעגליך צו פארשטיין, נאר איינער וואס איז גאר א גרויסער צדיק, און איינציגער אין זיין דור און אין דער זעלבער צייט באהאוונט אין אלע זיבן חכמות פון דער וועלט.

רבי נתן האט אין א שפעטערע תקופה איבערגעשריבן די חידושים אבער דערנאך, צוליב פארהוילענע סיבות, האט דער רבי אים געהייסן דאס פארברענען. דעם ספר רופט מען דערפאר, "ספר הנשרף".

**

אצינד קומען מיר צום שלוס פון יאר תקס"ה – דער דריטער יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות צום רבי'ן, ווען עס האט זיך אים אנטפלעקט א נייע וועלט פון תורה ועבודה.

מיר וועלן דא בעזר השם ברענגען אן איבערבליק פון יאר תקס"ה:

- ראש השנה תקס"ה איז אויסגעקומען

דאנערשטאג און פרייטאג – דריי טעג יום טוב. יענעם יאר, האט דער רבי געזאגט גאר א הויכע תורה. רבי נתן האט זיך אויסגעדרוקט אז ווען ער האט געהערט דעם רבינ'ס תורה, האט ער געשפירט דינערן און בליצן אין זיין קאפ!

* דער רבי באפעלט אז מען זאל אים אנטפלעקן די בשורה פון זיין טאכטער פייגא וואס איז נפטר געווארן דעם פארגאנגענעם זומער, וואס ביז דאן האט מען פארהוילן פונעם רבי'ן די טראגעדיע. מען האט זיך מטפל געווען מיט כישוף פאר איר רפואה און דער רבי האט געדארפט מתקן זיין איר נשמה.

* מאנטאג - די פינפטע טאג פון עשרת ימי תשובה, האט דער רבי, גאנץ אומגעראכטן, אנגעהויבן צו זאגן א לאנגע תורה וואס האט אנגעהאלטן פיר שעה!

* זונטאג פרשת נח, ב' חשון, האט רבי נתן אויפגעהערט צו זאגן קדיש נאך זיין אומפארגעסליכע מאמע, הרבנית הצדיקת חי' לאנע ע"ה, וועלכע איז נפטר געווארן עלף חדשים פריער - דאנערשטאג פרשת תולדות, ב' כסלו תקס"ד. דער רבי האט געזאגט א תורה אין וועלכן ער האט ארייגעפאלכטן דער ענין פון קדיש.

* דער רבי הייסט זיינע תלמידים צו אריינטראכטן אין תורה אויף אן אופן צו קענען אויפקומען מיט פרישע חידושי תורה, אבער האט נאכנישט געהייסן דאס אראפשרייבן.

* מען טראגט אן פאר רבי נתן א רבנות פאסטן און דער רבי גיבט אים זיין הסכמה אבער ווען רבי נתן עקשנ'ט זיך, זאגט אים דער רבי אז דער אמת'ער אמת איז אז נישט. רבי נתן איז שטענדיג דאנקבאר געווען פאר'ן אפזאגן דעם פאסטן ווייל אזוי ארום האט ער זיך געקענט אפגעבן מיט'ן שרייבן און דרוקן דעם רבינ'ס ספרים.

* חודש אדר א' האט דער רבי באפוילן פאר רבי נתן צו אנהייבן צו איבערשרייבן זיינע תורות אין א קונטרס. רבי נפתלי האט אים געהאלפן דערצו.

* אין דעם זעלבן יאר, האט דער רבי געהייסן פאר רבי נתן צו צאמנעמען אין א באזונדערן חיבור די פראקטישע עצות אין עבודת השם וואס מען לערנט ארויס פון זיינע תורות וואס רבי נתן האט שפעטער גערופן, קיצור ליקוטי מוהר"ן.

* סוף חודש אדר האט דער רבי געבוירן א זון וועמען ער האט א נאמען געגעבן שלמה אפרים. אין די טעג פון די שמחה האט רבי נתן געהערט פיל תורות און שמועסן פון דעם רבי'נס היילג מויל.

* ערב שבועות ווערט די קונטרס פון רבינ'ס תורות גרייט צו גיין צום בינדער. נאך שבועות קומט רבי נתן קיין ברסלב צו שטיין ביי די ארבעט פון די בינדעריי.

* אין יענע תקופה האט דער רבי אנטפלעקט די געוואלדיגע סוד פון דעם תיקון הכללי. ביי דעם פונקט האט דער רבי נאכנישט אנטפלעקט וועלכע צען קאפיטלען דאס זענען.

פארזעצונג קומט אי"ה ווען מיר וועלן אריינגיין אין די היסטאריע פון יאר תקס"ו.

# מיינע בחור'ישע יארן




מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ, דִי הִתְקָרְבוּת פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' בֵּירֶך רוּבִּינְזוֹן זַ"ל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וְוִיאַזוֹי עֶר הָאט דָאס אַלֵיין דֶערְצֵיילְט:

"הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלְס בָּחוּר, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן מִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן חוּרְבָּן וָואס אִיז גֶעשֶׁען וָואס גָאר וֵוייניג פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן, מַמָּשׁ נָאר גֶעצֵיילְטֶע.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא, דָארְטְן וואוּ דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶא רֶבִּי ר' מֵאִיר יְחִיאֵל הָאט גֶעוואוֹינְט.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, מַיין מַאמֶע'ס יִחוּס צִיט זִיךְ פוּנֶעם חוֹזֶה זי"ע, אוּן פוּן אוֹסְטְרוֹבְצֶא רָב דֶער בַּעַל זִכְרוֹן שְׁמוּאֵל. [תַּלְמִיד פוּן חוֹזֶה, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְקָאזְנִיץ וְהָרַב הַקָּדוֹשׁ מְאַפְּטָא]. מַיין טַאטֶע'ס יִחוּס אִיז פוּנֶעם מַגִּיד ר' אַבְרָהָם פוּן פְּשִׁיסְחָא, עֶר הָאט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם קָאזְנִיצֶער מַגִּיד צוּם רֶבִּי'ן ר' שְׁמֶעלְקֶא, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען נָאנְטֶע חֲבֵרִים - אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אוּן אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי ר' בֶּער.

מַיין זֵיידֶע דֶער פְּשִׁיסְחָא מַגִּיד אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, נָאר דֶער רֶבִּי ר' בֶּער אוּן דוּרְךְ אִים אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן [צוּם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת].

דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶא רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַן אֵיידֶעם אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ אַ בָּחוּר 'אַבְרָהָם יִצְחָק', עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז מָלֵא וְגָדוּשׁ, הָאט דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען זַיין שְׁוָואגֶער'ס אַ בָּחוּר אַלְס אֵיידֶעם. דֶער טַאטֶע פוּנֶעם בָּחוּר הָאט גֶעהֵייסְן ר' חַיִּים יוּדְל – אַ שְׁוָואגֶער פוּנֶעם אוֹסְטְרוֹבְצֶער רֶבִּי. דֶער חָתָן – שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען מַיין רֶבִּי – הָאט גֶעהֵייסְן ר' אַבְרָהָם יִצְחָק וַוייסְזָאנְד הי"ד. עֶר אִיז נֶעבֶּעך אוּמְגֶעקוּמֶען אִין אוֹשְׁוִויץ.

דֶער טַאטֶע פוּן ר' אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, אַ שׁוּסְטֶער דַאכְט זִיךְ מִיר, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר פַּרְנָסָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער. עֶטְלִיכֶע בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער הָאט אַבְרָהָם יִצְחָק גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע שׁוּלֶעס, אַבְרָהָם יִצְחָק ווִידֶער הָאט גֶעלֶערְנְט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ.

יֶענֶער צַייט אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים מַייזֶעל זַ"ל, עֶר אִיז אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹיפְזֶעהֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, עֶס אַז דַאן גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער אוֹיפְזֶעהֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט פְלֶעגְן פַארְהֶערְן דִי קִינְדֶער יֶעדְן שַׁבָּת. דָאסְמָאל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אַז דֶער רָב ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט פַארְהֶערְט דֶעם בָּחוּר

«

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיין נָאמֶען וֶועגְן, שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶת׳ע צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי מִיט אַן אֱמֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין בִּשְׁלֵמוּת צוּ רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן מַחֲשָׁבוֹת.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אוּן מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גוּטֶע חֲסָדִים. זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה דִיר צוּ אָנֶערְקֶענֶען אוּן צוּ וִויסְן דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן ״וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.״

זֵיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָּׁה פוּן יֶעצְט בִּיז אוֹיף אַלֶעמָאל אָמֵן סֶלָה.

*(שטיקל פון תפלה ע״ו)*

אַבְרָהָם יִצְחָק, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט אַ שַׁארְף קֶעפְּל, מִיט אַ גוּטְן פַארְשְׁטַאנְד, הָאט עֶר פַארְבֶּעטְן עֶר זָאל אוֹיפְמַארְגְנְס זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי קוּמֶען מִיט זַיין טַאטְן צוּ אִים.

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיטְן רָב, דֶער רָב בֶּעט דֶעם טַאטְן רְשׁוּת עֶר זָאל אָוועקְלָאזְן זַיין זוּן אַבְרָהָם יִצְחָק לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבַת רַאדִין בַּיים חָפֵץ חַיִּים זי״ע, דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט אַנְטְקֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט אוּן גְלֵייךְ צוּגֶעשְׁטִימְט, וֶוען דֶער רָב הָאט צוּגֶעוואוּנְטְשְׁן דֶעם בָּחוּר עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָּדוֹל בַּתּוֹרָה.

דֶער חָפֵץ חַיִּים בַּאקוּמְט אַ בְּרִיוו פוּן לַאדְזְשֶׁער רָב אַז עֶר שִׁיקְט אִים אַ בָּחוּר גַאנְץ יוּנְג אָבֶּער אַ שַׁארְף קֶעפְּל. אִיבֶּער אַכְט יָאר הָאט אַבְרָהָם יִצְחָק גֶעלֶערְנְט דָארְט בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים מְשֻׁלָּם מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת.

דֶער ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען אַ גָאוֹן עוֹלָם, אַ לַמְדָן מֻפְלָג, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ״ס פוּן אֵיין דֶעקְל צוּם צְוֵוייטְן, אִיבֶּעראַל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּאקַאנְט, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט בְּנִמְצָא צוּ טְרֶעפְן אַזַא גָאוֹן. שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳נְס זַאךְ.

וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט קַיין אוֹסְטְרוֹבְצֶא, הָאט עֶר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקָרֵב צוּ זַיין אִינְגֶעלַייט צוּם רֶבִּי׳נְס זַאךְ. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ הַדִּבּוּר, דִי מַעֲלוֹת פוּן דֶעם ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, אַן עָנָיו, אַ בַּעַל תּוֹרָה, וָואס מֶען קֶען נַאר זָאגְן וֶועגְן אַ גוּטֶע מִדָּה, קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק.



זַיין מַצָּב אִין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל גֶעדְרִיקְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים גְּמָרָא מִיט תּוֹסְפוֹת, פַאר בְּעֶרֶךְ אַכְט בָּחוּרִים הָאט עֶר פַארְגֶעלֶערְנְט. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי אִים.״ וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי פוּן ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק?!

המשך בעז״ה

# תפילה העלפט!

המשך פון די לעצטע זייט

דַיינֶע תְּפִילּוֹת הָאבְּן גֶעהָאלְפְּן! דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דַיינֶע בַּקָּשׁוֹת!"

"וָואס? וָואס אִיז גֶעשֶׁען? פוּן וָואס רֶעדְסְטוּ?" הָאט יַעְנְקִי גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער.

"וֶועגְן אָשֵׁר! אָשֵׁר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן הַיינְט נָאכְמִיטָאג!!!"

"אָבֶּער וָואס הָאט דָאס מִיט מַיינֶע תְּפִילּוֹת? אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט; אִיךְ הָאב דָאךְ אַזוֹי פִיל גֶעדַאוֶונְט אוּן אָשֵׁר אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט קֵיין חָתָן גֶעוָוארְן בִּיז יֶעצְט, מִן הַסְתָּם אִיז עֶס נִישְׁט וֶועגְן מִיר..."

"נֵיין, נֵיין, טַייעֶרֶער יַעְנְקִי, זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִילָּה אוּן בַּקָּשָׁה. אַמָאל דַארְף מֶען מֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן צוּאוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, אָבֶּער דָאס מוּזְטוּ גֶעדֶענְקֶען: יֶעדֶע תְּפִילָּה בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער דִי יְשׁוּעָה!"

דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָּה הָאבְּן שְׁטַארְק גֶעדַאוֶונְט מֶען זָאל טְרֶעפְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם קֶענִיג, בִּיז מִיט דִי צַייט הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען ווִי זֵייעֶר תְּפִלָּה וֶוערְט גֶעעֶנְטְפֶערְט.



# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות

## מַעֲשֶׂה יב׳
## דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳

אִיז דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳ גֶעקוּמֶען, צוּ דֶעם ׳מְמוּנֶה׳ מִיט דֶעם ׳גִּבּוֹר׳! אִיז בְּוַודַּאי צְווִישְׁן זֵיי גֶעוֶוען אַ ׳גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה׳, ׳שִׂמְחוֹת׳ אוּן ׳בְּכִיּוֹת׳, כַּנַ"ל .

זֶענֶען דִי ׳אַלֶע דְרֵיי׳, גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם! דְהַיְינוּ: דֶער ׳מְמוּנֶה׳, אוּן דֶער ׳גִּבּוֹר׳, אוּן דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳!

אוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳גָאטְן׳, דְהַיְינוּ: דִי ׳גְרוֹיסֶע לַייט׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳ [פוּן עֲשִׁירוּת׳, [וָואס זֵיי הֵייסְן בַּיי זֵייעֶר מְדִינָה: ׳גָאטְן׳] – זֶענֶען מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳מְדִינָה׳! – אִיז דָארְטְן גֶעשְׁטַאנֶען ׳וַוארְטֶעס׳ [שׁוֹמְרִים] בַּיי [אַרוּם] דֶער ׳מְדִינָה׳! הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט [פוּן] דִי ׳וַוארְטֶעס׳ [שׁוֹמְרִים]: "וָואסְפַאַרְא [סָארְט] ׳מְדִינָה׳ אִיז דָאס? אוּן וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער ׳מֶלֶךְ׳"?!

הָאבְּן דִי ׳וַוארְטֶעס׳ [שׁוֹמְרִים] גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [אַז] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער ׳רוּחַ-סְעָרָה׳ [שְׁטוּרֶעם-ווִינְט – וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ז] אִיז גֶעוֶוען – וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי ׳וֶועלְט׳ צוּטֵיילְט גֶעוָוארְן אוֹיף ׳כַּמָּה כִּיתּוֹת׳

[אַסאַך גרופּעס] (דְהַיְינוּ: אויף 'פִּיל דֵיעוֹת' [מיינונגען]! – וָואס 'אִיטְלֶעכֶע [יֶעדֶע] כִּיתָּה', הָאט גֶעהַאט אַ אַנְדֶערֶע דֵיעָה, כַּנַ"ל – דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי 'לַייט פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה' זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: אַז דֶער עִיקָר אִיז 'חָכְמָה' – אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען [אוֹיף זֵיי], אַ 'גְרוֹיסְן חָכָם', פַאר אַ 'מֶלֶךְ'!

[און יֶעצְט] נִישְׁט לַאנְג [צוּרִיק], הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען 'זֵייעֶר אַ ווִילְד-גְרוֹיסְן חָכָם', וָואס עֶר אִיז 'מְשׁוּנֶה אַ [אַ מְשׁוּנֶה'דִיגֶער] גְרוֹיסֶער-חָכָם זֵייעֶר'! הָאט אִים דֶער [פְּרִיעֶרְדִיגֶער] 'מֶלֶךְ', מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי 'מְלוּכָה'!

הָאבְּן זֵיי אִים [דֶעם 'ווִילְד-גְרוֹיסְן חָכָם'] אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – וָוארְן בַּיי זֵיי אִיז [גֶעוֶוען] דֶער עִיקָר: 'חָכְמָה'.

הָאבְּן דִי [דָאזִיגֶע אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'דְרַיי' גֶעזָאגְט : אַז סְ'הָאט אַ פְּנִים [סְ'קוּקְט אוֹיס]: אַז דָאס מוּז זַיין 'אוּנְזֶער 'חָכָם' !

הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן: "אוֹיבּ סְ'אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז מְ'זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים"?! הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] מְ'מוּז מֶעלְדֶעוֶוען, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעפְּרֶעגְט]! הָאט עֶר גֶעהֵייסְן "זֵיי [זָאלְן] אַרַיינְגֵיין"!

זֶענֶען 'זֵיי', דְהַיְינוּ: דִי 'דְרַיי' [ 'מְמוּנֶה'. 'גִבּוֹר'. 'בַּעַל-תְּפִילָּה'] – אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'חָכָם', וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ' אִין 'דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ – אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – דֶערְקֶענְט! וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] 'חָכָם' – דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער 'חָכָם' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל.

אִיז בְּוַודַאי דָארְט גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה', 'שְׂמְחוֹת' אוּן 'בְּכִיּוֹת' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט: "ווִי גֶעפִינְט מֶען נָאךְ [ווִיאַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעפִינֶען] דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי [אַלֶע] 'אִיבְּרִיגֶע' [פוּן זַיינֶע לַייט]"?!

הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט [פוּן] דֶעם 'חָכָם': "אוֹיבּ עֶר ווֵייסְט נִישְׁט פוּן דֶער 'יַד' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'"?! הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דִי 'יַד' אִיז בַּיי אִים"!

"נָאר זִינְט [פוּן] דֶעמָאלְט אַז [ווֶוען] זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם 'רוּחַ-סְעָרָה' – פוּן דֶעמָאלְט אָן, ווִיל עֶר גָארְנִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דֶער 'יַד' אַרַיין! – וָוארְן דִי 'יַד', קֶער [בַּאלַאנְגְט] נָאר צוּם 'מֶלֶךְ' אַלֵיין!

נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן דֶער 'יַד', אוֹיף אַ 'שְׁטֵיין'! – כְּדֵי סְ'זָאל אִים אַבִּיסְל נוּצְן צוּ זַיין זַאךְ! – אָבֶּער אִין דֶער 'יַד' אַלֵיין, קוּקְט עֶר גָארְנִישְׁט אַרַיין"!

הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם 'חָכָם': "ווִיאַזוֹי עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען"?! הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט:

"אַז זִינְט [פוּן] דֶעמָאלְט אַז [ווֶוען] דֶער 'רוּחַ-סְעָרָה' [שְׁטוּרֶעם-ווִינְט] אִיז גֶעוֶוען – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען! – (און וואוּ עֶר אִיז [אַלְץ] גֶעגַאנְגֶען, אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אִיבֶּער] אַלֶע – נָאר אִיבֶּער 'זֵיי [דִי דָאזִיגֶע] דְרַיי', דְהַיְינוּ: אִיבֶּער

דֶעם אָרְט פוּן דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳, מִיט דֶעם ׳גִּבּוֹר׳, מִיט דֶעם ׳מְמוּנֶה׳ – אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען – בִּיז דִי ׳[לַייט פוּן דִי דָאזִיגֶע] מְדִינָה׳ הָאבְּן אִים גֶעפוּנֶען, אוּן הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳.

אוּן לְעֵת־עַתָּה דֶערְוַוייל, מוּז עֶר זֵיי פִּירְן ווֶעדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶר ווֶעג, ווֶעדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶרֶע ׳חָכְמוֹת׳! – בִּיז דֶערְנָאךְ [בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט] ווֶעט עֶר זֵיי אַרוֹיסְפִירְן אוֹיף דֶעם ׳רֶעכְטְן [צוּרִיקְקֶערְן צוּם רִיכְטִיגְן] אֱמֶת׳״!

הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם ׳חָכָם׳: מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה׳ וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַּארְפִירְט [אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן אִין דֶעם [׳נַארִישְׁקַייט׳ אוּן ׳עֲבוֹדָה־זָרָה׳ פוּן] גֶעלְט, כַּנַ״ל אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט:

״ווֶען מִיר זָאלְן מֶער [וָואלְטְן ווֶען] נִישְׁט פַארְוָוארְפְן ווֶערְן [גֶעווָארְן] אוּן צוּשְׁפְּרֵייט ווֶערְן [גֶעווָארְן], נָאר פוּן [צוּלִיבּ] ׳דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה׳ ווֶעגְן – כְּדֵי מְ׳זָאל זֵיי פַארְרֶעכְטְן אוּן אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן] צוּם ׳אֱמֶת׳ – אִיז אוֹיךְ כְּדַאי – וָוארְן דִי [דָאזִיגֶע מְדִינָה] זֶענֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] פַארְפִירְט [פַארְנַארִישְׁט אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן!

וָוארְן צוּם אֱמֶת: דִי אַלֶע ׳כִּיתּוֹת׳ הַנַ״ל – וָואס אִיטְלֶעכֶע [פוּן דִי אַלֶע כִּיתּוֹת] הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אִיר ׳נַארִישְׁקַייט׳! – ׳דִי׳ הָאבְּן גֶעווָאלְט ׳כָּבוֹד׳, אוּן ׳דִי׳ [הָאבְּן גֶעווָאלְט] ׳רְצִיחָה׳, וְכוּ׳ כַּנַ״ל – זֶענֶען זִיךְ אַלֶע פַּארְפִירְט [אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעווֶען [גֶעווָארְן] – אוּן מְ׳הָאט [מְ׳וָואלְט] זֵיי אַלֶע בַּאדַארְפְט [פַארְרֶעכְטְן, זֵיי צוּרִיקְקֶערְן פוּן זֵייעֶר ׳נַארִישְׁקַייט׳,

אוּן] אַרוֹיסְפִירְן אוֹיף [צוּרִיקְקֶערְן צוּ] דֶעם ׳רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן אֱמֶת׳ן] תַּכְלִית׳!

וָוארְן אֲפִילוּ דִי ׳כִּיתָּה׳ וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן, אַז דֶער ׳תַּכְלִית׳ אִיז ׳חָכְמָה׳ – ׳דִי׳ [זֵיי] הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְלַאנְגְט [דֶערְגְרַייכְט] דֶעם ׳אֱמֶת׳ן תַּכְלִית׳! – אוּן ׳זֵיי׳ בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְפִירְן דֶערְפוּן – וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן [אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן] אִין ׳חָכְמוֹת־חִיצוֹנִיּוֹת׳ אוּן ׳אַפִּיקוֹרְסוּת׳!

לוּשְׁמִיר [נָאר] – פוּן ׳אַלֶע נַארִישְׁקַייט׳ [טָעוּתִים], קֶען מֶען גְרִינְגֶער אַרוֹיסְפִירְן אָבֶּער דִי ׳דָאזִיגֶע׳ זֶענֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] פַּארְפִירְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן אִין דֶער ׳עֲבוֹדָה־זָרָה׳ פוּן ׳גֶעלְט׳, אוּן זֵיי זֶענֶען דֶערִינֶען אַזוֹי [שְׁטַארְק] אַרַיינְגֶעפַאלְן [אַיינְגֶעזִינְקֶען גֶעוָוארְן, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָואס סֶע [אַז סְ׳אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶערְפוּן.

אוּן דֶער ׳חָכָם׳ הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהֶערְט פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳: אַז פוּן ׳אַלֶע תַּאֲווֹת׳, קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען! – נָאר פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט׳, קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען – סַיידְן [נָאר] דוּרְךְ דֶעם ׳ווֶעג׳ וָואס סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן צוּ דֶער ׳שְׁווֶערְד׳, כַּנַ״ל״!

הָאט דֶער ׳חָכָם׳ גֶעזָאגְט [אַז] עֶר ווֶעט אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי! זֶענֶען זֵיי ׳אַלֶע פִּיר׳ [ ׳מְמוּנֶה׳. ׳גִּבּוֹר׳. ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳. ׳חָכָם׳], גֶעגַאנְגֶען [אִינְאֵיינֶעם]!

אוּן [אוֹיךְ] דִי ׳גָאטְן׳ , זֶענֶען אוֹיךְ מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען.

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (15)

**א. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ב. פארוואס האט דער חכם נישט אריינגעקוקט אין יד?**

- ❑ ווייל ער איז געווען בצער פון די רוח סערה
- ❑ ווייל דאס איז נאר פאר'ן מלך
- ❑ ווייל ער האט נישט געהאט די יד

**ג. איבער וועלכע פלעצער איז דער חכם נישט אריבער?**

- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער ווען ער איז אריבער
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער מליץ און דער אוהב נאמן

**ד. ווען וועלכע זאך איז געווען כדאי אז די אנשי המלך זאלן ווערן צושפרייט?**

- ❑ כדאי צו טרעפן דער מלך מיט זיינע מענטשן
- ❑ צו ארויס נעמען די מדינה פון תאוות ממון
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וועלכע כתות איז גרינגער צוריק צו קערן צום אמת?**

- ❑ די מדינה של עשירות
- ❑ אלע כתות חוץ פון חכמה
- ❑ אלע כתות חוץ פון תאוות ממון

**ו. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**ווער זענען דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דִי מְדִינָה של עשירות ?**

**עס איז געווען דארטן שמחות מיט בכיות – איז דער רבי מסביר די סיבה פאר די בכיות און שמחות ?**

**און דִי גָאטִין (דְהַייְנוּ דִי עַשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה) – קוק אריין אין די מעשה אויף לשה"ק וואספאראווארט דער רבי לייגט צו אויף זיי?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (14)

**ווער פון די אנשי המלך איז געגאנגען דער ערשטער אויפן וועג צום שווערד ?** דער ממונה על האוצרות,

**וויפיל אנשי המלך זענען געגאנגען צחאמען דערוויל ?** ביז דערווייל זענען געגאנגען דריי אנשי המלך דער ממונה, דער גבור און דער בעל תפילה

**וויפיל מאל זענען די מענטשן פון די מדינה של עשירות געגאנגען פון זייער מדינה ?** דריי מאל

1. הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט מֶענְטְשְׁן. אַז זֵיי זָאלִין זוּכִין הוֹיכֶע בֶּערְג
2. אוּן הֶאבִּין גִשִׁיקְט שְׁלוּחִים אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה הַנַ"ל
3. אוּן הֶאבִּין אַרוֹיס גִשִׁיקְט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן זֵיי וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין אַז זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם מְמוּנָה צוּ דֶער שְׁוֶוערְד

**און וואס איז אנדערש די מאל וואס זיי זענען געגאנגען מיטן ממונה צו די פריערדיגע מאל ?** די דריטע מאל זענען געגאנגען דִי גְרוֹיסֶע לַייט, און זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אָנְגִיטָאן מִיט צִירוּנְג

**דער געווינער אויף 'בעל תפלה ' 14 איז הב' היקר מנחם שמעון בעק, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות, רופט**

**646-585-3040 02-5-3333-72**

# תְּפִילָה העלפט!

נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם קֶענִיג זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאט דֶער בַּעַל תְּפִילָה מִיט זַיין גְרוֹיס קְדוּשָׁה גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן – וָואס הָאבְּן פַארְבְּרֶענְגט זֵייעֶרֶע טֶעג און נֶעכְט מִיט דַאוֶוענֶען – אַז זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען גֶעפִינֶען דֶעם קֶענִיג מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. עֶר הָאט אֲפִילוּ מְחַבֵּר גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶלֶע תְּפִילּוֹת וָואס זֵיי זָאלְן זָאגְן. אוֹיךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם מְמוּנֶה און צוּ דֶעם גִיבּוֹר, הָאט עֶר זֵיי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ מִתְפַּלֵל זַיין דֶערוֹיף.

אִין יַעֲנְקִי'ס טַאשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין לִיכְטִיג-גְרִין צֶעטְל, גֶעהַאלְטְן אִין אַ קְלֵיינֶעם זֶעקְל. וואו אִימֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר עֶס מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ. אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן שַׁבָּת'דִיג, הָאט עֶר עֶס אַרִיבֶּערְגֶעלֵייגְט אִין דִי שַׁבָּת'דִיגֶע קֶעשֶׁענֶע, כְּדֵי עֶר זָאל עֶס קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען און נִיצְן אִין יֶעדֶע פְרֵייעֶ מִינוּט.

וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם צֶעטְל? און פַארְוָואס הָאט עֶר עֶס גֶעטְרָאגְן מִיט זִיךְ אִיבֶּערָאל?

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה!

יַעֲנְקִי הָאט אַ פֶּעטֶער וָואס הֵייסְט אָשֵׁר. אָשֵׁר אִיז שׁוֹין דְרַיי און צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, און עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט קֵיין חָתָן. אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען שׁוֹין לַאנְג חֲתוּנָה גֶעהַאט; טֵייל הָאבְּן שׁוֹין קִינְדֶער, און פִיר פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעפְּרַאוֶועט אַ חַאלַאקֶע! אָבֶּער אָשֵׁר ווַארְט נָאךְ אַלְץ אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה.

אָשֵׁר'ס רֶעכְטֶע פוּס אִיז אַבִּיסְל קְרוּמְלִיךְ, און עֶר הִינְקְט וֶוען עֶר גֵייט; דָאס קוּמְט פוּן אַ שְׁוֶוערֶע עֶקְסִידֶענְט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ה'. אַ בִּיצִיקְל אִיז גֶעפָארְן גָאר שְׁנֶעל און אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אִים מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט. בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג לַיידְט עֶר נָאךְ פוּן יֶענֶעם עֶקְסִידֶענְט.

און אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער יָאר נָאךְ יָאר, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, און וֶוער וִויל דֶען אַ חָתָן וָואס הִינְקֶעט?...




יַעֲנְקִי הָאט זֵייעֶר רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין פֶּעטֶער אָשֵׁר. יַעֲנְקִי וֵוייסְט קְלָאר אַז דַאוֶוענֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט און אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם'ס תְּפִילָה. דֶעריבֶּער טְרָאגְט עֶר דָאס קְלֵיינֶע צֶעטְל מִיט זִיךְ אִיבֶּעראַל, וואוּ עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אַ תְּפִילָה פַאר אַ שִׁידוּךְ פַאר אָשֵׁר מִיט זַיין נָאמֶען: "אָשֵׁר בֶּן חַיָּה יֶענְטָא, פַאר אַ זִיווּג הָגוּן, בְּקָרוֹב מַמָּשׁ..."

יַעֲנְקִי דַאוֶוענְט און בֶּעט אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער דֶערְוַוייל הֶערְט מֶען גָארְנִישְׁט קֵיין נַייעֶס בַּיי אָשֵׁר. פַארְקֶערְט, זַיינֶע יוּנְגֶערֶע חֲבֵרִים וֶוערְן שׁוֹין חֲתָנִים און אִינְגֶעלַייט, זַיינֶע בְּרִידֶער וַואקְסְן שׁוֹין אוֹיךְ אוּנְטֶער און קוּמֶען שׁוֹין נָאנְט צוּ דִי יָארְן, און וָואס וֶועט זַיין מִיט אָשֵׁר? עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹי פִיל צַייט...

צְוֵויי יָאר שְׁפֶּעטֶער, הָאט רֶבִּי נַחְמָן דֶער מְלַמֵּד, גֶערוּפְן יַעֲנְקִי פַארְ'ן שִׁיעוּר און גֶעזָאגְט: "דַיין טַאטֶע הָאט גֶערוּפְן און גֶעבֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט אִים גְלַייךְ צוּרִיקְרוּפְן בַּיי הַפְסָקָה."

אִינְמִיטְן הַפְסָקָה אִיז יַעֲנְקִי גֶעלָאפְן צוּם טֶעלֶעפָאן: "יַעֲנְקִי, הֶערְסְט? דַיינֶע תְּפִילּוֹת הָאבְּן אוֹיפְגֶעטוּהְן!

המשך אויף זייט 8